**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פלאן צו טראנספארמירן ניו יארק'ס עקאנאמיע און ארבעטסקראפט אלס טייל פון דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025**

***500 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג ביי Albany NanoTech Complex פון NY CREATES צו ארויסשטופן 10 ביליאן דאלארדיגע שותפות פאר פארגעשריענע טשיפס פארשונג אויפן וועג***

***200 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן פיר ON-RAMP פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג טרענירונג צענטערן צו אנגרייטן ניו יארקער פאר די דזשאבס פון די צוקונפט***

***ברייטערט אויס שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, NY Forward, FAST NY און Restore NY — פראמינענטע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען צו אונטערטרייבן עקאנאמישע וואוקס אריבער די סטעיט***

***80 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג צו פארשטערקערן קונסט און קולטור פעלד און שטיצן נייע עפנטליכע קונסט איניציאטיוון***

***שטיצט ביזנעס אייגנטומערשאפט געלעגנהייטן פאר אויסלענדיש-געבוירענע ניו יארקער דורך אוניווערסיטעט-געשפאנסארטע וויזא געלעגנהייטן און א נייע ווירטועלע אימיגראנט ביזנעסלייט צענטער***

***30 מיליאן דאלאר צו שטיצן צייטונג און ראדיא/טעלעוויזיע זשורנאליזם דזשאבס***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו וואוקשטעלן א מאדערנע עקאנאמיע פון די 21'סטע יאר הונדערט אין ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט איר פלאן צו טראנספארמירן ניו יארק'ס עקאנאמיע און ארבעטסקראפט אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025. די בודזשעט רעכנט אריין א 500 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג צו אנהויבן א 10 ביליאן דאלארדיגע שותפות פאר פארשונג אויף פארגעשריטענע טשיפס; א 200 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן פיר ON-RAMP פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג טרענירונג צענטערן צו אנגרייטן ניו יארקער פאר די דזשאבס פון די צוקונפט; און אן אויסברייטערונג פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, NY Forward (ניו יארק - אויף פאראויס), FAST NY און Restore NY (רעכט אויף ניו יארק) צו אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס אריבער ניו יארק סטעיט. די בודזשעט לייגט אויך צו 80 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג צו פארשטערקערן די קונסט און קולטור פעלדער, שטיצן נייע עפנטליכע קונסט איניציאטיוון און צושטעלן נייע שטיצע פאר אימיגראנט ביזנעסלייט.

"ניו יארק'ס ביזנעסער און ארבייטער זענען די רוקן ביין פון אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע, און די בודזשעט רעכנט אריין גרויסארטיגע, איינציגארטיגע אינוועסטירונגען וואס וועלן זיי העלפן פארזעצן צו בליהען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אנגעהויבן פון שטיצן דעם קומענדיגן דור פון טשיפּס פארשונג ביז א נעטווארק פון טרענירונג צענטערן צו אנגרייטן ארבייטער פאר די צוקונפט, טוט זיך ניו יארק פאראויס רוקן מיטן פולן קראפט צו בויען אן עקאנאמיע וואס פאסט זיך פאר די 21'סטע יאר הונדערט וואס שאפט שיין-באצאלטע דזשאבס, פארשטערקערט אונזערע קאמיוניטיס און פארזיכערט א פינאנציעלע צוקונפט פאר דורות פון ניו יארקער."

**<u>אינוועסטירן אין פארגעשריטענע טשיפּס פארשונג</u>**
אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט גאווערנער האקול פארזיכערט א 500 מיליאן דאלארדיג אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פאר NY CREATES'ס Albany Nanotech Complex צו אנהויבן א 10 ביליאן דאלארדיגע שותפות און ברענגען א פארגעשריטענע High NA EUV Lithography צענטער צו די קאמפלעקס. די גאווערנער האט אנאנסירט די שותפות מיט IBM, Micron, Applied Materials, Tokyo Electron און אנדערע פירער פון די סעמי-קאָנדאַקטער אינדוסטריע לעצטע יאר אלס טייל פון איר פארפליכטונג צו אויפשטעלן א גלאבאלע צענטער פאר סעמי-קאָנדאַקטער מעניופעקטשורינג אין ניו יארק. איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט די נייע צענטער ארויפבויען אויף אנדערע סעמי-קאָנדאַקטער-פארבינדענע אינוועסטירונגען צו מאכן ניו יארק אלס די היים צו די ערשטע High NA EUV Lithography צענטער אין רעגירונג אייגנטום אין צפון אמעריקע, עס וועט שטיצן די לאנג-טערמיניגע וואוקס פון ניו יארק'ס טעכנאלאגישע עקאנאמיע און שאפן און אנהאלטן טויזנטע דירעקטע, אומדירעקטע און יוניאן קאנסטרוקציע דזשאבס.

**<u>צוגרייטן ניו יארקער פאר די דזשאבס פון מארגן</u>**
די בודזשעט רעכנט אויך אריין א 200 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אויפשטעלן "איין נעטווארק פאר ראיאנישע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג שותפות'ן" (One Network for Regional Advanced Manufacturing Partnerships, ON-RAMP) — א נעטווארק פון פיר נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן צו אנגרייטן ניו יארקער פאר די דזשאבס פון די צוקונפט. אזוי ווי די סטעיט זעצט פאר צו צוציהען ביזנעסער פון די 21'סטע יאר הונדערט אין שנעל-וואקסדע אינדוסטריעס ווי סעמי-קאָנדאַקטער מעניופעקטשורינג, וועלן די ON-RAMP צענטערן אפפערן קרעדענטשעלס און טרענירונג אין פארבינדונג מיט פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און העלפן אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר שוואכערע באפעלקערונגען. דער פראגראם וועט זיין קאנצענטרירט אויף סטראטעגישע לאקאציעס אין אפסטעיט ניו יארק וואו די השפעה דערפון וועט זיין הויעך, אריינרעכנענדיג א פראמינענטע איינריכטונג אין סירעקיוס אונטער די אויפזיכט פון CenterState CEO.

**<u>אויסברייטערן ניו יארק'ס פראמינענטע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען</u>**
גאווערנער האקול האט אויך פארזיכערט פינאנצירונג פאר נאך רונדעס פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, NY Forward, FAST NY און Restore NY — ניו יארק'ס פראמינענטע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען צו אונטערטרייבן וואוקס אריבער די סטעיט. די בודזשעט שטעלט צו 100 מיליאן דאלאר פאר נאך א רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) וואס פארוואנדלט שטאט-צענטער געגנטער צו ווערן לעבהאפטיגע קאמיוניטיס וואו דער קומענדיגער דור פון ניו יארקער וועט ווילן וואוינען, ארבעטן און אויפציהען פאמיליעס. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט'ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Coucil, REDC) לויט די פאטענציאל פון די שטאט-צענטער פאר טראנספארמאציע. יעדע געווינענדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען פינאנצירונג

צו אנטוויקלען א סטראַטעגישע אינוועסטירונג פּלאַן פאַר זייער שטאָט-צענטער און צו אויספירן וויכטיגע פּראָיעקטן וועלכע שטופּן פאָראויס די קאַמיוניטי'ס חזון פאַר אויפלעבונג.

צו שטיצן ניו יאָרק'ס שטעטלישע קאַמיוניטיס, טיילט די בודזשעט אויך צו 100 מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם NY Forward (ניו יאָרק - אויף פאָראויס) פּראָגראַם, אויסגעשטעלט צו שטופּן פאַר די אויפלעבונג פון קלענערע שטאָטישע צענטערן. פּונקט ווי דעם DRI פּראָגראַם, ווערן NY Forward קאַמיוניטיס אויסדערוועהלט בשותפות מיט די REDC's, און די סטעיט דעפּאַרטמענט וועט אַריבערפירן די קאַמיוניטי אַריבער א קורצע פּלאַנירונג פּראָצעדור צו אַנטוויקלען א רייע פון פּראָיעקטן וואָס זענען גרייט צו דורכגעפירט ווערן. די סטעיט'ס אינוועסטירונג אין פּראָיעקטן וואָס ווייזן אַרויס זייער מעגליכקייט צו פאַרשנעלערן אויפלעבונג וועט פאַרשטערקערן די מעגליכקייט פון ניו יאָרק'ס קליינע קאַמיוניטיס און גרעסערע שטאָטישע צענטערן צו קאָנקורירן מיט אַנדערע און אַזוי אויך וועט דאָס פאַרבעסערן זייער צוקונפט.

אין צוגאָב, רעכנט די בודזשעט אַריין 100 מיליאָן דאָלאַר צו פינאַנצירן נאָך א יערליכע רונדע פון דעם 'קאָנצענטרירטע צוציהאונג פון אַרבעט'ס-גרייטע שטחים - ניו יאָרק' (Focused Attraction of Shovel-Ready Tracts New York, FAST NY) פּראָגראַם. אָנגעהויבן אין דעצעמבער פון 2022, האָט FAST NY שוין געשאַנקען מער פון 175 מיליאָן דאָלאַר צו צוגרייטן 20 שטחים אַריבער יעדן אָפּסטעיט ראַיאָן צו ווערן גרייט צו אָנהויבן אַרבעט.

די גאַווערנער האָט אויך פאַרזיכערט א 50 מיליאָן דאָלאַרדיגע אינוועסטירונג פאַר Restore NY (רעכט אויף ניו יאָרק), א פּראָגראַם וואָס שענקט פינאַנצירונג פאַר די בעסטע פאָרשלאָגן צו שטיצן פּראָיעקטן וואָס פאַרוואַנדלען ליידיגע, פאַרלאָזטע און חרוב'ע שטחים צו ווערן שטחים וואָס קענען שטופּן וויכטיגע ציהלן אַריינרעכענענדיג שטאָט-צענטער איבערבויאונג, וואַסער ברעג פּלאַנירונג און שטאַנדהאַפטיגקייט און האָוזינג פּראָדוקציע.

**פאַרשטערקערן קונסט און קולטור פעלד**

די דורכגעפירטע בודזשעט פאַר פיסקאַלע יאָר 2025 זעצט פאַר גאַווערנער האָקול'ס אינוועסטירונגען אין די סטעיט'ס דינאַמישע נאָן-פּראָפיט קונסט און קולטור סעקטער מיט 80 מיליאָן דאָלאַר אין נייע אינפראַסטרוקטורישע פינאַנצירונג, ערלויבנדיג די ניו יאָרק סטעיט קאָונסיל פאַר קונסטווערק (Council on the Arts) צו אָפּפערן נאָך א רונדע פון גרענטס פאַר פּראָיעקטן פון אַלע מאָסן, פון $50,000 ביז 10 מיליאָן דאָלאַר. די בודזשעט שטעלט אויך אָוועק צוויי נייע פּראָגראַמען צו באַפּולמעכטיגן אַרטיסטן צו באַקומען א פּלאַטפאָרמע אין די סטעיט'ס אַנגייענדע עקאָנאָמישע וואוקס — 'שאַפן האַפנס פאַר קונסטווערק דורך ראַיאָנישע ווענט פאַרבונגען' (Cultivating Havens for the Arts through Regional Murals, CHARM NY) וואָס וועט פינאַנצירן די דעזיין און אינסטאַלאַציע פון עפנטליכע וואַנט פאַרבונגען אין קאַמיוניטיס אַריבער ניו יאָרק; און די "סטעיט אָוו די אַרטס" (State of the Arts) פעלאָושיפּ פּראָגראַם וואָס וועט פּלאַצירן אַרטיסטן פעלאָוס ביי סטעיט אַגענטורן צו שטופּן פאַר רעגירונג פּאָליסי ציהלן דורך שעפערישע צוגענג.

**שטיצן אימיגראַנט ביזנעסלייט**

גאַווערנער האָקול איז פאַרפליכטעט צו שטיצן אימיגראַנט ביזנעסלייט, און זי האָט פאַרזיכערט פינאַנצירונג צו העלפן אויסלענדיש-געבוירענע ניו יאָרקער צו אויספּלאַסטערן זייער וועג צו ביזנעס אייגנטומערשאַפט. אַלס טייל פון די בודזשעט, האָט די גאַווערנער אַוועקגעשטעלט א פּראָגראַם צו צושטעלן געלעגנהייטן פאַר אינטערנאַציאָנאַלע ביזנעסלייט צו באַקומען וויזעס וואָס ווערן געספּאָנסאָרט דורך אוניווערסיטעטן, צו אַרבעטן מיט אוניווערסיטעטן צו טרייבן ערפינדערישקייט און צו אַנטוויקלען 'סטאַרט-אַפּ' פירמעס אָדער ביזנעס אונטערנעמונגען אין די פריע שטאַפּלען אין ניו יאָרק. דער פּראָגראַם

וועט גיבן גרענטס פאר די אויסגעוועהלטע בעסטע אפליקאציעס פון ביז אכט פארשונג אוניווערסיטעטן און קאלעדזשעס צו אנפירן דעם פראגראם.

גאווערנער האקול וועט אויך אויפשטעלן א ווירטועלע אימיגראנט ביזנעסלייט צענטער ( Immigrant Entrepreneur Center) וואס וועט דינען אלס א צענטראלע מקור פאר וויכטיגע אינפארמאציע און סערוויסעס וואס זענען נוגע פאר אימיגראנט ביזנעסלייט. די צענטער וועט אריבערשיקן די באזיכער צו הילפס-מיטלען ווי די ESD'ס צוטריט צו אינוועסטירונג געלטער, טעכנישע הילף און רעגולאטארישע הילף פראגראמען; די אפיס פאר נייע אמעריקאנער (Office for New Americans) נעטשורעליזעישען, לעגאלע ראט, ענגלישע שפראך, דיגיטאלע באהאוונטקייט און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג סערוויסעס; SUNY'ס ביזנעס אנטוויקלונג, אקאדעמישע, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און בירגערליכע צוזאמענארבעט פראגראמען; און די DOL'ס Business Express פלאטפארמע.

**<u>טעקס קרעדיט צו שטיצן צייטונג און ראדיא/טעלעוויזיע זשורנאליזם דזשאבס</u>**

די בודזשעט רעכנט אויך אריין דעם 'צייטונג און ראדיא/טעלעוויזיע פרעסע דזשאבס פראגראם' (Newspaper and Broadcast Media Jobs Program), א טעקס קרעדיט צו שטיצן עקזיסטירנדע און נייע דזשאבס אין די אינדוסטריע. 30 מיליאן דאלאר וועט ארויסגעלייגט ווערן יעדעס יאר פאר בארעכטיגטע געדרוקטע און אויפגעשפילטע פרעסע אנגעהויבן פון שטייער יאר 2025 און קומענדיג צו אן ענדע אין שטייער יאר 2028. יעדע בארעכטיגטע ביזנעס קען אויסנוצן ביז $300,000 אין טעקס קרעדיטס, און די קרעדיטס וועלן צוטיילט ווערן גלייך אויף גלייך צווישן פירמעס וואס האבן 100 ארבייטער אדער ווייניגער און צווישן פירמעס וואס האבן מער פון 100 ארבייטער.

**<u>פארשטערקערן באמיאונגען צו אויפנעמען ארבייטער און זיי האלטן פון אוועקגיין דורכן רעפארמירן 'טיער 6'</u>**

אזוי ווי די סטעיט און אנדערע רעגירונג ארבעטסגעבער זעצן פאר צו אויסשטיין ארבעטסקראפט שוועריגקייטן, רעכנט די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אריין צוויי רעפארמען צו די רעטייערמענט בענעפיטן פאר 'טיער 6' מיטגלידער. די צוויי רעפארמען זענען: טוישן די ענדגילטיגע דורכשניטליכע יערליכע געהאלט וואס ווערט גענוצט צו באשטימען די רעטייערמענט בענעפיט פון א רעגירונג ארבעטער פון די העכסטע פינף יאר אין א רייע צו די העכסטע דריי יאר אין א רייע און פארלענגערן די צוויי-יאריגע אויסנאם פון אָווערטיים פארדינסטן ביים באשטימען די ביישטייערונג ראטע פון א טיער 6 מיטגליד צו זייער פענסיע בענעפיט. די פארבעסערונגען צו אן ארבעטער'ס רעטייערמענט בענעפיטן זענען געווידמעט צו רעקרוטירן א פיל שטערקערע און טאלאנטפולע רעגירונג ארבעטסקראפט און זיי האלטן ביי די ארבעט.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן